


# מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם

## וואס איר דארפט וויסן אלס אן ארבעטער

## וואס איז מיטגעטיילטע ארבעט?

די מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם געבט ארבעטסגעבער אן אנדערע אפציע אנשטאט אפזאגן ארבעטערס דורכאויס די ביזנעס פארשטייטערונג דורך זיי ערלויבן צו ארבעטן וויניגער שעות און באקומען טיילווייזע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן. אנשטאט אפזאגן שטאב, קען אייער ארבעטסגעבער פארמינערן די צאל שעות פון אלע ארבעטערס אדער נאר פון א גרופע ארבעטערס.

מיטגעטיילטע ארבעט האלט אן טרעינירטע, פראדוקטיווע ארבעטערס דורכאויס צייטווייליגע ביזנעס פארשטייטערונג - וואס מיינט אז אייער ארבעטסגעבער קען שנעל צוריקקומען צו זיך ווען ביזנעס אומשטענדן ווערן בעסער. זיי שפארן זיך די קאסטן פון זוכן, אויפנעמען און טרענירן נייע ארבעטערס, דערווייל וואס איר ווערט געשפארט די שוועריגקייטן פון גענצליכע ארבעטסלאזיגקייט.

## וויאזוי ארבעט עס?

אייער ארבעטסגעבער האט באשטימט א מיטגעטיילטע ארבעט פלאן וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או לעיבאר. אויב איר קוואליפיצירט פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, קענט איר באקומען מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן צו טיילווייז צוריקצאלן פאר די פארמינערונג פון אייער געהאלט.

איר מוזט אריינגעבן א קלעים צווישן מאנטאג און זונטאג פון אייער ערשטע פארמינערטע מיטגעטיילטע ארבעט וואך דורך גיין אנליין צו www.labor.gov אדער דורך רופן 888-209-8124 (מאנטאג -פרייטאג.) פארפעלן צו אריינגעבן א קלעים דורכאויס יענע וואך קען פאראורזאכן א פארשפעטערונג אין בענעפיט באצאלונגען.

יעדע וואך וואס איר זענט אויף מיטגעטיילטע ארבעט, מוזט איר באשטעטיגן אייער מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן אויף www.labor.ny.gov. פֿאַר די צוועקן פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס, איז אַ וואָך פון מאנטאג ביז זונטאג. איר זאלט אריינגעבן אייער קלעים פֿאַר די פריערדיגע וואָך אויף די לעצטע טאָג פון די וואָך (זונטאג) ביז די נעקסטע שבת. סערטיפיקאציעס געמאכט אום אַ זונטאג איז פֿאַר די וואָך וואָס ענדיגט זיך אין יענעם טאָג.

## פלאן פאדערונגען

צו אנטיילנעמען אין די מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם, האט אייער ארבעטסגעבער צוגעשטימט צו נאכקומען די פאלגענדע פאדערונגען:

- די פארמינערונג פון ארבעטערס' שעות און די זעלביגעפארמינערונג פון געהאלט קען נישט זיין וויניגער ווי 20% און נישט מער ווי 60%
- נאר ארבעטערס וואס נארמאל ארבעטן נישט מער ווי 40 שטונדן פער וואך זענען בארעכטיגט צו אנטייל נעמען
- ארבעטער'ס זייטיגע בענעפיטן קענען נישט פארמינערט אדער צוגענומען ווערן, נאר אויב זיי ווערן פארמינערט אדער צוגענומען פון אלע ארבעטערס
- די פלאן קען נישט איבערשטייגן 53 וואכן. איר קענט באקומען א מאקסימום פון 26 מאל אייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע דורכאויס אייער בענעפיטן יאר
- פולע- און טייל-צייט ארבעטערס זענען בארעכטיגט
- אייער ארבעטסגעבער טאר נישט אויפנעמען נאך ארבעטערס פאר די ארבעט גרופע געדעקט אונטער די מיטגעטיילטע ארבעט פלאן, אבער, אויב אן ארבעטער זאגט זיך אפ ווען די פלאן איז אין קראפט, קען אייער ארבעטסגעבער אויפנעמען א פארטרעטער.
- אויב א קאלעקטיווע בארגענינג הסכם איז אין קראפט, מוז די קאלעקטיווע בארגענינג גרופע באשטעטיגן די מיטגעטיילטע ארבעט פלאן
- די מיטגעטיילטע ארבעט פלאן מוז זיין אנשטאט אפלאזן אן איניגע פראצענט פון ארבעטערס
- אלע ארבעטערס אין אן אפעקטירטע גרופע מוזן זיין אריינגערעכנט אינעם פראגראם, און די שעות פון אלע מוזן ווערן פארמינערט מיט די זעלבע צאל דורכאויס די וואכן פונעם פלאן; די פראצענט פון פארמינערונג קען זיין אנדערש פון גרופע צו גרופע אדער פון וואך צו וואך, ווי לאנג עס איז כאטש 20% אבער נישט מער ווי 60%

אויב איר פילט אז אייער ארבעטסגעבער איז נישט נאכגעקומען די פאדערונגען פון דעם צושטימען אויף סיי וועלכע וועג, ביטע פארבינדט זיך מיטן DOL'ס לייעביליטי און דעטערמינעישאן אפטיילונג (Liability and Determination Section) אויף 518-457-5807.

# אפטע פראגעס

## ווען איך גלייך אנהייבן צו באקומען בענעפיטן?

יא. אייער מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן וועלן ווערן עלעקטראניש אריבערגעפירט צו אייער פערזענליכע טשעקינג אקאונט אדער צו אייער דעביט קארטל אקאונט צווי צו דריי ביזנעס טעג נאך מיט פראצעסירן די באשטעטיגונג.

## וואס איז די וועכנטליכע סומע וואס איך וועל באקומען?

די מיטגעטיילטע ארבעט וועכנטליכע סומע וועט זיין אייער וועכנטליכע ארבעטסלאזיגקייט בענעפיט ראטע געדאפלט לויט די פראצענט וואס אייער שעות און געהאלט וואס זענען פארמינערט געווארן אונטער די מיטגעטיילטע ארבעט פלאן. צום ביישפיל, אויב איר פארדינט $400 פער וואך און איר זענט געווען טיילווייז ארבעטסלאז, קענט איר באקומען אן ארבעטסלאזיגקייט בענעפיט ראטע פון $200. אונטער די מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם, אויב אייער געהאלט איז פארמינערט געווארן מיט 20%, וועט איר באקומען $320 פער וואך אין געהאלט פון אייער ארבעטסגעבער (20% -פון $400 קומט אויס צו אן $80 פארמינערונג), און $40 אין מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן (20% פון $200). דערפאר, וואלט איר באקומען א סך הכל פון $360 אין געהאלט און מיטגעטיילטע בענעפיטן פאר יעדע וואך פונעם פלאן.

## וועט ארבעטן א צווייטע, טייל-צייט ארבעט אפעקטירן מיין בענעפיט ראטע?

יא. סיי וועלכע ארבעט מיט אן אנדערע ארבעטסגעבער אדער ארבעט פאר זיך וועט פארמינערן די סומע פון מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן וואס איר קענט באקומען יעדע וואך. פאר יעדע טאג וואס איר ארבעט אין א וואך ווי געשילדערט אונטער די אנווייזונג וואס גילט אין די צייט וואס איר האט געארבעט, וועט איר פארלירן איין פערטל פון אייער מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן. צום ביישפיל, אויב איר באקומעט געווענטליך $80 אין א מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיט, און איר ארבעט 20 שעה (גערעכנט ווי 2 "טעג"*) אין א וואך ביי אייער אנדערע ארבעטסגעבער, וועט אייער בענעפיט פארמינערט ווערן מיט האלב, צו $40. באקומט מער אינפָארמַאציע וועגן טיילווייזע ארבעטסלאזיגקייט אויף **on.ny.gov/partial**.

## וואס זאל איך טון אויב איך האב א פראגע איבער מיין מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיט באצאלונג, אדער איך מיין אז מיין מיטגעטיילטע ארבעט וועכנטליכע בענעפיט סומע איז נישט ריכטיג?

אויב איר האט א פראגע איבער אייער באצאלונג (צום ביישפיל, אויב אייער באצאלונג איז שפעט), זאלט איר זיך פארבינדן מיטן דעפארטמענט אוו לעיבאר אויף **518-485-6375**. פארבינדט זיך נישט מיט די טעלעפאָן קלעים צענטער. זיי האבן נישט די נויטיגע אינפארמאציע אייך צו העלפן.

## ווי לאנג בין איך בארעכטיגט אונטער מיטגעטיילטע ארבעט?

איר קענט באקומען ארבעטסלאזיקייט א מאקסימום פון 26 מאל אייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע דורכאויס א בענעפיטן יאר. אבער, איר וועט מעגליך נישט באקומען מער מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן, צאמגעשטעלט מיט אלגעמיינע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, אין א בענעפיט יאר ווי איר וואלט געקענט באקומען אונטער די אלגעמיינע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס פראגראם אליין (26 X אלגעמיינע בענעפיט ראטע).

## אויב איך ארבעט געווענטליך מער ווי 40 שטונדן פער וואך, קען איך באקומען מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן פאר א פארמינערונג פון מיינע שעות?

ניין. מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן קענען נאר ווערן באצאלט צו צוריקצאלן פאר געהאלט פארלוירן צוליב א פארמינערונג פון נארמאלע ארבעט שעות פון נישט מער ווי 40 שעה פער וואך.

## קען איך באקומען מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן אויב מיינע נארמאלע שעות און געהאלט ווערן פארמינערט מיט וויניגער ווי 20% אדער מער ווי 60%?

ניין. אבער איר קענט זיין בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן אונטער די אלגעמיינע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס פראגראם.

## וואס זאל איך טון אויב איך ווער גענצליך ארבעטסלאז?

אויב איר ווערט גענצליך ארבעטסלאז, זאלט איר זיך זאפארט פארבינדן מיטן דעפארטמענט אוו לעיבאר אויף **518-485-6375** צובאקומען די אלגעמיינע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן.

## וויאזוי וועלן מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן אפעקטירן מיין אינקאם שטייערן?

סיי וועלכע ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן וואס איר באקומט, אריינגערעכנט מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן, זענען אויסגעשטעלט צו פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע אינקאם שטייער. איר קענט צוריק האלטן די פעדעראלע אינקאם שטייערן פון אייער ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס קלעים. אויב איר וועלט אויס צו צוריק האלטן שטייערן, איז די צוריקהאלט סומע געשטעלט צו 10% פאר פעדעראלע שטייערן און 2.5% פאר ניו יארק סטעיט שטייערן. צוריקגעהאלטענע שטייערן וועלן ווערן באריכטעט אויף א 1099-G סטעיטמענט וואס איז אוועילעבל נאכן ענדע פונעם יאר.

## אויב איך באקום צוגעלייגטע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס SUPPLEMENTAL UNEMPLOYMENT INSURANCE) SUB -), בין איך בארעכטיגט פאר מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן?

ניין. ארבעטערס זענען נישט בארעכטיגט פאר מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן אין סיי וועלכע וואך וואס זיי באקומען צוגעלייגטע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן (SUB באצאלונג).

## ווערן מיגעטיילטע ארבעט בענעפיטן געגעבן דורך דעביט קארטלעך?

מיטגעטיילטע ארבעט בענעפיטן קענען ווערן געגעבן אלס א דעביט קארטל אדער, אויב איר ווילט, אלס דירעקט דעפאזיט אריין אין אייער טשעקינג אקאונט.

פאר נאך אינפארמאציע איבער מיטגעטיילטע ארבעט, ביטע רופט: **518-485-6375**.